

די שווארצע בענדער



# תורת יואל

גליון מס' 60

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

פרשת ויצא תשפ"ו



## וילך חרנה.... ויפגע במקום וילן שם כי בא השמש וגו' (כח. יא)

די גמרא אין ברכות (דף כו ב.) לערנט ארויס פון די פסוקים, אז די דריי תפילות וואס מיר דאווענען יעדן טאג, האבן די אבות הקדושים מתקן געווען, **אברהם תקן תפלת שחרית, יצחק תקן תפלת מנחה, יעקב תקן תפלת ערבית.**

פרעגט תוספות, אז די גמרא אין מסכת חולין (צא. ב) לערנט ארויס פון דעם פסוק, **וילך חרנה:** כי מטי לחרן בעי למיהדר יעקב אבינו האט זיך געוואלט צוריקערן קיין חרן, מיד **ויפגע במקום:** ס'איז געווארן די זמן התפילה, כד צלי בעי למיהדר נאכן דאווענען האט יעקב זיך געוואלט צוריקערן, מיד **כי בא השמש:** עס איז געווארן טונקל פלוצלינג, זעהן מיר אז יעקב אבינו האט געדאווענט בייטאג, ווייל ס'איז דאך טונקעל געווארן הערשט נאכן דאווענען, איז עס דאך א סתירה מיט די משנה אין ערשטן פרק אין מסכת ברכות, אז זמן מעריב איז הערשט נאך צאת הכוכבים

דער רבי זי"ע ברענגט צו א טייטש פון זיין טאטן, דער הייליגער **קדושת יו"ט**, אויפן פסוק **ויאמר אלקים תדשא הארץ דשא:** השי"ת האט באפוילען די ערד, זי זאל ארויסגעבן די בוים, און די פירות, מיטן זעלבן טעם, זאגט דער מדרש, הדא הוא דכתיב, **ועניתם את נפשותיכם בתשעה לחודש:** א ציווי צו עסן דעם ניינטן טאג, און עס ווערט גערעכנט ווי מען האט געפאסט צוויי טעג, איז שווער וואס איז די שייכות פון די צוויי ענינים?

ענטפערט דער קדושת יו"ט, אז די סיבה פארוואס השי"ת האט באפוילען דיביימער אז דער טעם פון די בוים זאל זיין די זעלבע ווי די פרי, ווייל דאס איז א ענין פון הכנה צו א מצוה, דער בוים איז א הכנה צו די פרי, השי"ת האט געוואלט מרמז זיין, אז א הכנה צו א מצוה איז פונקט אזוי חשוב ווי די מצוה אליינס.

דאס זעלבע זעהט מען ביי יום כיפור, השי"ת האט געהייסן עסן דעם ניינטן טאג, און דאס ווערט גערעכנט ווי מען האט געפאסטביידע טעג, ווייל עסן א טאג פאר יו"כ צו האבן כח צו פאסטן, איז א הכנה צום הייליגען טאג, אין די הכנה איז פונקט אזוי חשוב ביים באשעפער ווי די מצוה אליין, וועגן דעם שטייט אין פסוק, **ועניתם את נפשותיכם בתשעה**, און דאס איז די שייכות פון די מדרש צום פסוק, עכלה"ק.

די גמרא אין מסכת ברכות (לב. ב) **תנו רבנן: חסידים הראשונים הי' שוהין שעה אחת ומתפללים** וגו', טייטש: די פריעדיגע חסידים האבן זעך געזוימט איין שעה פאר יעדע תפילה, און עס ווערט געברענגט פון רבינו יונה, אז שעה אחת מיינט א פולע שעה, א גאנצע שעה האבן זיי זיך צוגעגרייט צום דאווענען, און די גמרא זאגט אז **תורתן מתברכת**, א ברכה איז אריין אין זייערע לימודים, אפי' נאכן אוועקגעבן אזויפיל צייט פאר תפלה.

פיהרט אויס דער רבי, פונקט ווי די תורה רופט אן עסן דעם ניינטן טאג אין תשרי, מיטן לשון ועניתם את נפשותיכם בתשעה, ווייל עסן עיו"כ הייסט אזוי ווי געפאסט, אזוי אויך די שעה פון הכנה ווערט גערעכנט אזוי ווי תפלה.

מיט די הקדמה פארענטפערט דער רבי די גמרא, **כד צלי בעי למיהדר**, דאס מיינט נישט אז יעקב האט געהאלטן נאכן דאווענען, עס מיינט אז ער האט געהאלטן נאך די הכנות צו דאווענען מעריב, וואס דאס האט גערעכנט זיין אפי' בייטאג, און די תפלה פון מעריב האט ער מתקן געווען און גדאווענט הערשט נאך צאת הכוכבים, במילא איז נישט קיין סתירה מיט די משנה.

(תשכ"ב)

# א בינטל זכרונות

**הרה"ח ר' יודא צבי אקערמאן הי"ו**

מיינע יארן אינעם רבין'ס ישיבה, אויף סענז סטריט, זענען געווען מיינע שענסטע בחור'ישע יארן, אפי' דער רבי זי"ע איז נישט געקומען אין ישיבה אזוי אפט ווי אמאל, (ס'איז שוין געווען ליידער נאכן סטראוק) רבי איז געקומען נאר לעיתים רחוקות, איז יעדע באזוך געווען א איבערלעבעניש, און אויב האט נאך דער רבי גערעדט צו די בחורים איז געווארן ממש א יום טוב אין ישיבה.

פרשת ויצא תשל"ג, איז דער רבי געווען אין ישיבה, פראווענען דעם סיום אויף מסכת סוכה, און התחלת מס' נדרים, רביה"ק האט געזאגט דעם הדרן, און משלב געווען די צוויי מסכת.

דער רבי האט אנגעהויבן מיט די גמרא אין סוכה, וואס איז מסיים מיט די מעשה פון מרים בת בילגה, וואס האט ממיר דתה געווען רח"ל, און די חכמים האבן פארשפארט **חלונה** פון די גאנצע משמר, און די גמרא פרעגט פארוואס איז די משמר געשטראפט געווארן, ענטפערט די גמרא ווייל **שותא דינוקא או דאבו' או דאימי'**.

האט דער רבי געפרעגט, נו! העט מען זאגן אז ישמעא-ל אדער עשו, האט געהערט אזוינס רעדן אינדערהיים, דער רבי האט אזוי שוואך געשאקעלט די האנט, און מיט א ציטערדיגע קול געפרעגט: **ווי קאן מען דאס זאגן?**

האט דער רבי געענטפערט, אז מען איז מדייק אין די גמרא, שטייט: **כדאמרי אינשי**, מענטשן זאגן אזוי, ס'איז גארנישט וואר - אמת מענטשן שמועסן אזוי, נאר וואס דען, ביי די מעשה האבן די חכמים משער געווען, אזוי ס'איז אמת, און וועגן דעם געשטראפט דעם גאנצען משמר, און פארשפארט חלונה, ווייל אזוי האבן אונזערע חכמים געזאגט.

האט דער רבי ווייטער געפרעגט: **פון ווי ווייסט מען אז די חכמים האבן א כח**, האט דער רבי אנגעוויזן די גמרא אין נדרים, וואו די גמרא רעכנט אויס, **כל כנויי**, אלע לשונות פון **נדר**, און די גמרא זאגט אז אלע זענען מדאורייתא, ווי אזוי? ווייל אז די חכמים האבן אזוי גע'פסק'נט איז עס פונקט ווי א דאורייתא, און דער רבי האט צוגעלייגט, אפי' דער מאן דאמר וואס קריגט אויף די ת"ק, און האלט אז די אלע לשונות וואס די גמרא לערנט ארויס פון די לימודים, איז נאר מדרבנן, האט דער רבי צוגעצייכנט א תוספות וואס פארענטפערט די קשי'.

אזוי האט דער רבי משלב געווען ביידע מסכת, און אנגעוואונטשען ברכות לרוב, לסיום האט דער רבי אויפגעהויבן זיין קול - אפי' ס'איז אנגעקומען שווער - און געזאגט: דאס דארף מען געדענקען, **וואס די חכמים זאגן איז אמת.**

## א קאפיטל היסטאריע

**גאונים - ראשונים - בעלי התוספות**

### תוספות רי"ד

**רבי ישעי' ברבי מאלי דטראני**, א יליד פון די שטאט טראני - איטאליע, א פוסק און פרשן התורה שבכתב, זיינע ווערטער ווערן אראפגעברענגט אין רא"ש, טור און בית יוסף, זיין חיבור **תוספת רי"ד**, לויפט דורך כמעט גאנץ ש"ס.

דער חיד"א אין שם הגדולים שרייבט, אז ער האט געזעהן א קובץ מיט פסקים אויף סדר נשים, און צום סוף שטייט אן עדות'שאפט פון זיין זוהן רבי דוד, אז ער האט עס פארקויפט פאר דריי אונקיות גאלד, און דאס זענען ארגינעלע פסקים פון מיין טאטע **הרב רבנה ישעי' זצוק"ל.**

אויך האט דער חיד"א האט געטראפן אין א גניזה כתבי יד, און געדרוקט **נימוקי החומש**, ווי אויך איז פארבליבן דער ספר **המכריע** וואו מען האט געדרוקט 72 פסקי דינים פון בעל תוספות רי"ד.

זיינע קינדער און אייניקלעך זענען געווען גדולי תורה, צווישן זיי דער **מבי"ט** רבי משה בר' יוסף די טראני.

נפטר ה' אלפים שנת ל"א